ספרי׳ — **אוצר החסידים** — ליובאוויטש

קובץ
שלשלת האור

היכל תשיעי — שער שלישי

# לקוטי שיחות

על פרשיות השבוע, חגים ומועדים

•

מכבוד קדושת

## אדמו״ר מנחם מענדל

זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע

**שניאורסאהן**

מליובאוויטש

•

## וילך

**(חלק כד שיחה ב)**

יוצא לאור על ידי מערכת
**״אוצר החסידים״**
770 איסטערן פאַרקוויי — ברוקלין, נ.י.
שנת חמשת אלפים שבע מאות שמונים וארבע לבריאה

מחזור הראשון של לימוד הלקוטי שיחות
שבוע פרשת נצבים־וילך, יט־כה אלול, ה׳תשפ״ד (ב)

**Likkutei Sichot**

Copyright © 2024
by
Kehot Publication Society
770 Eastern Parkway / Brooklyn, New York 11213
(718) 774-4000 / FAX (718) 774-2718
editor@kehot.com / www.kehot.org

All rights reserved. No part of this publication may be reproduced, stored in a retrieval system, or transmitted in any form or by any means, electronic, mechanical, photocopying, recording, or otherwise, without prior permission from the copyright holder.

The Kehot logo is a registered trademark of Merkos L'Inyonei Chinuch.

For dedications of the weekly Sichos, please contact us at: dedications@kehot.com

# וילך ב

א. איינע פון די מצוות וואָס אידן זיינען נצטווה געוואָרן ביים סוף פון די ארבעים שנה, וסמוך ממש (עכ״פ ליום פטירת משה, איז די מצוה פון כתיבת ספר תורה. ווי מען לערנט אָפּ פון דעם פסוק[1] „ועתה כתבו לכם את השירה הזאת״, אַז „מצות עשה על כל איש ואיש מישראל לכתוב ספר תורה לעצמו״[2].

וויבאַלד אַז דער ציווי „ועתה כתבו לכם את השירה גו׳״ איז געקומען אַלס אַ הכנה צו דער כניסה לארץ — „כי אביאנו אל האדמה גו׳ וענתה השירה הזאת גו׳״[3] — איז מובן, אַז יעדער איד האָט גלייך (ועתה) געדאַרפט מקיים זיין אָט־דעם ציווי און שרייבן אַ ספר תורה לעצמו.

איז תמוה: דער ציווי „ועתה כתבו גו׳״ איז געווען און געזאָגט געוואָרן צו אידן ביום פטירת משה (ז׳ אדר)[4] — און מען געפינט ניט אַז עס זאָל דערמאָנט ווערן בשום מקום, אַז אין איין טאָג זאָלן מער ווי ששים ריבוא אידן זיך משתדל זיין צו מעבד זיין עורות וכו׳ און שרייבן (עכ״פ אָנהייבן[4*] בכתיבת מה שהוא פון) אַ ס״ת!

[וואָס אַזאַ זאַך איז דאָך אַ גרעסערער חידוש פון „ויחן שם ישראל — בלב אחד״[5] — דאָ איז עס אַן עשי׳ אחת].

נוסף אויף דעם וואָס אידן זיינען געווען פאַרנומען מיט אבלו של משה שלשים יום[6]; און דערנאָך, בעשירי בניסן[7], זיינען די אידן אַריבער (און בהקדמת כמה הכנות לזה[8]) דעם ירדן —

ולהעיר, אַז כדי צו שרייבן אַזויפיל ספרי־תורה (מער ווי ששים ריבוא!) מוז מען האָבן אַ ריבוי עצום פון יריעות של קלף (וואָס מוזן זיין „מן המותר בפיך״[9]), דיו וכו׳, וואָס די צוגרייטונג פון די אַלע זאַכן איז פאַרבונדן מיט גאָר אַ סך צייט, התעסקות וכו׳. און דערצו איז אויך ניט מסתבר צו זאָגן, אַז יעדער איינער האָט געקענט אַליין שרייבן אַ ספר־תורה[10] (ווי מיר זעען היינט במוחש, אַז בלויז אַ מיעוט זיינען מוכשר און זיינען אומן־סופר צו שרייבן אַ ס״ת). ובפרט באופן „התנאה לפניו״ — בקלף, דיו, קולמוס וכתב נאה[11] — איז דאָך מלכתחילה ובנוגע — ריבוי אנשים — געמיינט נאָר ע״י שליח[12].

ב. על דרך הנ״ל איז אויך די שאלה

1) פרשתנו לא, יט.

2) ל׳ הרמב״ם הל׳ ס״ת פ״ז ה״א. ועד״ז בסהמ״צ מ״ע יח. והוא ע״פ סנה׳ כא, ב.

3) לא, כ־כא. ולהעיר מאשכול ריש הל׳ ס״ת (וראה תוס׳ ור״ן נדרים לח, א. שו״ת חת״ס יו״ד סרנ״ד. ועוד) שהלימוד מפסוק דילן שמצוה לכתוב ס״ת, הוא מזה שהשירה היא „לעד״. ע״ש.

4) כהתחלת הפרשה (לא, ב) ובפרש״י שם.

*4) כי אף את״ל שאין הכרח (מצד הציווי דועתה כתבו גו׳) לסיים כתיבת ס״ת קודם כניסתם לארץ (משא״כ ס״ת שכתב משה דלקמן ס״ב) — מ״מ, הרי לא מצינו מוזכר אשר ששים ריבוא אנשים התחילו בכתיבת ספרי תורה (עכ״פ בהכנות לזה —) תומ״י.

5) פרש״י יתרו יט, ב (ממכילתא שם).

6) ברכה לד, ח.

7) יהושע ד, יט.

8) ראה יהושע א, יא. שם ג, ג ואילך.

9) ראה שבת קח, א. מס׳ סופרים בתחלתה. טושו״ע יו״ד ר״ס רעא.

10) להעיר מראב״ע פרשתנו כאן.

11) שבת קלג, ב.

12) ראה לקו״ש חכ״ג ע׳ 17, וש״נ.

אין דעם וואָס חז״ל[13] זאָגן, אַז ביום פטירתו האָט משה רבינו געשריבן „י״ג תורות, י״ב לי״ב שבטים, ואחת הניח בארון״ — דלכאורה: ווי איז עס מעג־לעך[14] צו שרייבן י״ג ספרי תורה ביום אחד?!

זיינען מפרשים[15] מסביר דעם פשט אין דעם, אַז משה האָט יענעם טאָג נאָר פאַרענדיקט צו שרייבן די ספרי תורה[15*]. וואָרום בכלל איז „כל מה ששמע ביום אחד כתב וכן בכל יום ולא הי׳ חסר בכל התורה רק הסיום מפרשיות אחרונות״.

בהמשך לזה קען מען מוסיף זיין אפילו בנוגע די סדרות נצבים ואילך — אַז כשם ווי מען געפינט אַז משה האָט געשריבן „וימת משה״ (ע״ש העתיד?)[16] האָט ער כמו״כ געקענט שרייבן די סדרות הנ״ל (עכ״פ רובם) אין די ימים שלפני הסתל־קותו [כאָטש עס איז פאַרשטאַנדיק, אַז מען קען ניט זאָגן אַז ער האָט זיי געזאָגט צו אידן לפני יום הסתלקותו].

ועד״ז וואָלט מען לכאורה געקענט פאַרענטפערן אויך בנוגע אַלע אידן — לויט ווי דער רמב״ם[17] איז מתאר דעם סדר הלימוד פון אידן אין מדבר, אַז נאָך דעם ווי זיי האָבן געהערט די מצוה והלכותי׳ פון משה ואהרן כו׳, האָבן זיי פאַרשריבן „המצוה ההיא במגלות״ (פון וועלכע זיי פלעגן דערנאָך לערנען);

קומט אויס, אַז במשך די מ׳ שנה במדבר זיינען (אויך) ביי אידן געווען פאַרשריבן רובן ככולן פון די פרשיות התורה, „ולא הי׳ חסר . . רק הסיום מפרשיות אחרונות״.

קען מען במילא זאָגן, אַז נאָכן ציווי „ועתה כתבו לכם גו״ האָט יעדער איד נאָר מסיים געווען די כתיבה פון זיין ספר תורה[18].

ג. עס איז אָבער אַ דוחק אַזוי צו פאַרענטפערן, ווייל:

א) דער תירוץ קען מען זאָגן נאָר לויטן מ״ד[19] אַז „תורה מגילה מגילה ניתנה״, אָדער אפילו כמ״ד[19] „תורה חתומה ניתנה״ — כפירוש התוספות[20], אַז דאָס מיינט „שעל הסדר נכתבה״

[דאָס הייסט, „על הסדר״ ווי זיי קומען אין תורה: וויבאַלד אַז „אין מוקדם ומאוחר בתורה״ און עס זיינען פאַראַן פרשיות וועלכע זיינען געזאָגט געוואָרן „לפני אותם הכתובים לפניהם״, האָט מען זיך אָפּגעהאַלטן צו פאַרשרייבן אָט די פרשיות ביז עס זיינען געזאָגט געוואָרן די פרשיות וועלכע זיינען „כתובים לפניהם״, און דעמאָלט האָט

13) דב״ר פרשתנו פ״ט, ט. פסיקתא דר״כ פ׳ וזאת הברכה. מדרש תהלים עה״פ צ, א. ועוד. הובא בהקדמת הרמב״ם לפיה״מ (ולס׳ היד). ועוד.

14) להעיר מב״ב יד, א ובפרש״י ד״ה דילמא שם.

15) פי׳ מהרז״ו לדב״ר שם. — ובשו״ת חת״ס (ח״ו סכ״ט) בשם השל״ה כתב (לתרץ איך כתב משה ביום פטירתו שהי׳ בשבת), שמשה כתב הס״ת בהשבעת הקולמוס. וראה גם צרור המור ס״פ עה״פ עד תומם. וצע״ג שעפ״ז — ס״ת הכתובה בנס כשרה ולכתחילה. — ולהעיר מדברי הצ״צ בנוגע למהירות כתיבת אדמו״ר האמצעי (ס׳ השיחות תש״ב ע׳ 122. התמים ח״ב ע׳ עח־ט) ואכ״מ.

15*) אבל להעיר שבהקדמת הרמב״ם לס׳ היד מפורש: כל התורה כתבה משה רבינו קודם שימות בכתב ידו. וכן בהקדמתו לפיה״מ שם: וכשהי׳ לפני מותו החל לכתוב התורה בספרים (וראה תרגום קאפח שם).

16) ראה ב״ב טו, א. פרש״י ברכה לד, ה.

17) בהקדמתו לפיה״מ בתחלתה ד״ה דע (וראה תרגום קאפח שם).

18) עד״ז תי׳ בחשק שלמה לגיטין ס, א (שו״ת בנין שלמה בהקדמתו השני׳).

19) גיטין שם.

20) ד״ה תורה חתומה גיטין שם.

מען געשריבן די אַלע פרשיות פאַרבונדן מיט דער פרשה על הסדר]

— אָבער ניט לויט רש״י[21], וואָס איז מפרש אַז „חתומה ניתנה״ מיינט — „לא נכתבה עד סוף מ׳ לאחר שנאמרו כל הפרשיות כולן״.

ב) בכלל צ״ע צי דער רמב״ם מיינט צו זאָגן, אַז כל אחד ואחד מישראל — יעדער בר חיובא — פלעגט אַליין שרייבן במגילות אַלע פרשיות התורה[22] במשך די ארבעים שנה (ובפרט אַז אַ חלק גדול פון די וועלכע זיינען אַריין אין א״י זיינען געבאָרן געוואָרן אין מדבר).

ג) ועיקר: בדברי חז״ל[23] געפינט מען נאָר, כנ״ל, אַז משה האָט געשריבן י״ג ס״ת.

אויב יעדער בר חיובא שבאותו דור האָט (נאָכן ציווי ועתה כתבו לכם גו׳) געשריבן אַ „ספר תורה לעצמו״ — וואָלט עס, לכאורה, געדאַרפט דערמאָנט ווערן אין דברי חז״ל, כנ״ל. פון דעם וואָס חז״ל ריידן נאָר וועגן די י״ג ספרי תורה איז משמע, אַז עס איז ניט געוועזן דער חידוש הכי גדול — אַז דאַמאָלס זיינען פאַרענדיקט געוואָרן מער ווי ס׳ ריבוא ס״ת (אָדער אפילו — אָנגעהייבן געשריבן ווערן)[24].

ד. וועט מען דאָס פאַרשטיין בהקדים התמי׳ המפורסמת: וויבאַלד ס׳איז אַ מ״ע על כל איש ואיש מישראל לכתוב ס״ת לעצמו — פאַרוואָס זעט מען ניט אַז אידן בכלל, און כו״כ פון גדולי ישראל בפרט, זאָלן דאָס מקיים זיין בפועל? און בסמוך צום זמן החיוב במצות אָנהייבנדיק פון דער מצוה־טעם פון מצות כתבו לכם ולמדה.

לכאורה י״ל דעם טעם דערויף: עס שטייט אין רא״ש[25] (און אַזוי איז די הלכה[26]) אַז „האידנא שכותבין ס״ת ומניחין אותו בבתי כנסיות לקרות בו ברבים מ״ע היא על כל איש מישראל . . לכתוב חומשי תורה ומשנה וגמרא ופירושי׳ להגות בהן הוא ובניו כי מצות כתיבת התורה היא ללמוד בה . . הם הם הספרים שאדם מצוה לכותבם״ — וכפסק הש״ך[27], אַז „האידנא״ איז די „מ״ע נאמר דוקא באלו, ולא בס״ת״.

און בנוגע סתם (געשריבענע אָדער געדרוקטע) ספרים, איז דאָך כו״כ — אפילו פון די וואָס זיינען ערשט אַריין אין גיל פון בר מצוה — קויפן ספרים אויף צו לערנען אין זיי, און אַזוי אַרום איז ער דערמיט יוצא די מצוה פון „כתבו לכם״[28].

און אע״פ אַז דער רמ״א[29] פסק׳נט אַז „לקחו כך ולא הגיהו בו דבר הוי כחוטף מצוה מן השוק ואינו יוצא בזה״ (ולכל הדיעות[30] איז עס ניט קיין קיום מצוה כדבעי ולכתחילה) —

21) ד״ה חתומה גיטין שם. וכ״כ ברמב״ן בהקדמתו לפירושו עה״ת, דלמ״ד זה „נכתב הכל בשנת הארבעים כשנצטווה כתבו לכם גו׳״. וראה לעיל הערה *15.

22) ובכל התנאים הדרושים שתהי׳ ס״ת כשרה.

23) ראה ג״כ רש״י פרשתנו לא, ט (ובגו״א וכו׳ שם). שם לא, כב. כד־כו.

24) ראה ביאור הרי״פ פערלא לסהמ״צ לרס״ג מנין הפרשיות פרשה ס (ריג, ג) — שלדעת הרס״ג משמעות הכתוב היא שלא צוה הכתוב אלא לכתוב ס״ת אחת לכל ישראל. ע״ש.

25) הל׳ קטנות ריש הל׳ ס״ת.

26) טושו״ע יו״ד סי׳ ער ס״ב.

27) יו״ד שם סק״ה.

28) ראה לקו״ש חכ״ג שם (ע׳ 5־24) שלדיעה זו י״ל שאי״צ ספרים מכל הסוגים שמנה הרא״ש (ודי אולי בספר אחד?).

29) יו״ד שם ס״א.

30) גם להדיעות שקיים המצוה — רש״י מנחות ל, א ד״ה כחוטף. נמוק״י להלכות קטנות שם. וכן

איז דער דין הנ"ל (אין רמ"א) געזאָגט געוואָרן נאָר בנוגע צו אַ ס"ת, וואָס ביי ס"ת איז פאַראַן אַ חיוב פון כתיבה; משא"כ „האידנא", ווען מ'איז מקיים די מצוה מיט סתם ספרים, איז אויך דער רמ"א מודה אַז מ'איז יוצא די מצוה דורך קויפן ספרים, וכמשנ"ת במקום אחר באורך[31].

ה. אָבער אין אמת'ן איז דאָס ניט קיין תירוץ (מספיק). וואָרום לא מצינו בשום מקום, מען זעט עס ניט בפועל אַז יעדער בר מצוה זאָל תיכף ווי ער ווערט בר מצוה שרייבן (אָדער עכ"פ — מגי' זיין; אָדער לקנות ספרים — עפמשנ"ת בסוף סעיף הקודם) און במילא האָבן ספרים ביז אַ שולחן ערוך[32] — תיכף ווען ער ווערט מחויב אין ולמדה.

אויך לויט כו"כ פוסקים [כולל דעם בית יוסף (ב"ח) און דעם ט"ז[33]; ועד"ז כו"כ פוסקים נאָכן ש"ך[34]] איז דער רא"ש ניט אויסן צו מבטל זיין די מצוה פון כתיבת ס"ת כפשוטה, נאָר ער מיינט צו מוסיף זיין, אַז „האידנא" איז צוגעקומען (נאָך) אַ חיוב „לכתוב חומשי תורה ומשנה וגמרא ופירושי'".

און וויבאַלד אַזוי, איז די תמי' הנ"ל במקומה עומדת: ווי קומט עס וואָס אויך כו"כ פון גדולי ישראל — וועלכע האָבן זיכער מהדר געווען אין מצות, זיי צו מקיים זיין באופן דלכתחילה ולכל הדעות — האָבן זיך ניט משתדל געווען צו שרייבן אַ ס"ת (ניט בעצמם און אפילו ניט ע"י שליח) בכדי צו יוצא זיין אויך לדעת הפוסקים הנ"ל, אַז ס'איז דאָ אַ מצוה פון שרייבן אַ ס"ת כפשוטה?

נאָך מער: אפילו די גדולי ישראל וועלכע האָבן געשריבן אַ ס"ת — האָבן זיי עס געטאָן ניט באַלד נאָך דעם ווי זיי זיינען מחוייב געוואָרן במצות, און אפילו ניט באַלד ביי דער ערשטער אפשריות (פון אמצעים כספיים וכו') אויף צו דורכפירן דעם ענין — נאָר לאחר כו"כ שנים[35]!

איז מן ההכרח צו זאָגן, אַז אויך איידער זיי האָבן געשריבן די ס"ת, האָבן זיי מקיים געווען די מצוה און — כהנהגתם אפילו בדין דאחרונים וכיו"ב — אין אַן אופן פון לכתחילה און בהידור; און זייער שפעטערדיקע השתדלות אין כתיבת ס"ת, איז געווען (ניט דערפאַר וואָס פריער האָט געפעלט, ח"ו, קיום מצות עשה מן התורה, נאָר) אַלס אַן ענין של תוספת, הידור וכו'[36].

ו. ויש לומר הביאור בזה:

ס'איז נהוג ביי אידן בכל תפוצות ישראל, אַז אין יעדער קהילה איז פאַראַן

---

פסק הגר"א יו"ד שם. וכן משמע בט"ז שם סוסק"א. ועוד.

31) לקו"ש חכ"ג שם (ע' 21 ואילך). ע"ש באורך שהוא ע"ד „דון מינה ואוקי באתרא" (יבמות עח, ב. וש"נ).

32) שעי"ז „תהי' לעד" בשלימות, כי יודע המצות על בורין ובמילא — יודע אשר „והפר". — אבל לא מצאתי לע"ע מי שידגיש בנדו"ד ס' היד, השו"ע וכיו"ב.

33) ליו"ד שם.

34) ראה שאגת ארי' סי' לו. ברכי יוסף ליו"ד שם. שו"ת חת"ס יו"ד סרנ"ד. ועוד.

35) במנ"ח מצוה תריג (קרוב לסופה) שלהסברא שהמצוה היא כתיבה לחוד (ולא — ללמוד בה), לא נקרא ביטול מ"ע עד שימות ולא יכתוב ס"ת (וראה דעת קדושים לסי' ער סק"ד). אבל [נוסף לזה שנפסק הדין בשו"ע כדעת הרא"ש שהמצוה היא ללמוד בה (שלכן חייבים האידנא בכתיבת חומשי תורה כו'), כנ"ל — הרי] גם לדידי' לא קיים המצוה עד שיכתוב.

36) את"ל שזהו ע"ד אבוך במאי הוי זהיר טפי (שבת קיח, ב) וכיו"ב — יתורץ מה שכו"כ גדולי ישראל לא נזכר בהם (לא ראינו) שיכתבו ס"ת.

אַ ספר תורה וואָס באַלאַנגט צום ציבור[37].

— אין צוגאָב צו דעם וואָס יחידים שרייבן ספרי־תורה און זיינען זיי מוסר צו בתי־כנסיות (כו"כ זיינען זיי מוסר יפה יפה[38] ובכמה איז פאַראַן אַ שקו"ט[39] צי זיי בלייבן קנינו של היחיד, אָדער זיי ווערן קנינו של הציבור), איז מנהג ישראל אַז דער ציבור נעמט־דינגט צוזאַ־מען אַ סופר אויף דער כתיבה (אָדער קני') פון אַ ספר תורה, וואָס די ספרי תורה זיינען זיכער קנין הציבור, ובמילא האָט יעדער איד[40] אַ חלק אין דער מצוה פון „כתבו לכם גו'".

איז אָבער בנוגע אַ זאַך וואָס באַ־לאַנגט צו אַ ציבור איז דאָ אַ שקו"ט[41] צי מען קען אויף דעם זאָגן אַז דער יחיד (אַלס פרט) האָט אַן אייגענעם חלק אין דעם [וואָרום אַ ציבור (קהל) מיינט ניט נאָר אַ צירוף פון אַ ריבוי יחידים, נאָר דאָס איז אַ מציאות חדשה; וואָס דער־פאַר דאַרף זיין די זהירות פון מוסרו לציבור יפה יפה];

נאָך מער: אפילו מ'זאָל זאָגן אַז עס ווערט פאַררעכנט ווי אַ ס"ת של שותפין — האַלטן אָבער אַ סך אחרונים[42] אַז מ'איז ניט יוצא מיט אַ ס"ת של שותפין, נאָר יעדערער מוז שרייבן אַ ס"ת לעצמו —

איז דאָך הדרא קושיא לדוכתא: ווי קען מען יוצא זיין די מצוה פון כתיבת ס"ת מיט האָבן אַ חלק אין אַ ס"ת של קהל?

ז. איז דער ביאור בזה: ביי אתרוג (ומיניו) איז דער דין[43] אַז מ'איז ניט יוצא בשותפות, נאָר עס דאַרף זיין „כולו שלו"[44], און אעפ"כ איז „נוהגים במקום שאין אתרוג מצוי שכל הקהל קונים אתרוג בשותפות . . מפני שכיון שקנאוהו לצאת בו מסתמא הוי כאילו פירשו שכל הקהל נותנים חלקם לכל מי שנוטלו לצאת בו על מנת שיחזירוהו להם"[45].

ועד"ז יש לומר בנדו"ד: וויבאַלד אַז צוליב דעם מצב פון ניט עשירות וכו' האָט ניט יעדער איינער די מעגלעכקייט צו שרייבן אַ ס"ת לעצמו, איז ער יוצא דערמיט וואָס דער קהל שרייבט אַ ספר תורה צוזאַמען ווייל „מסתמא הוי כאילו פירשו שכל הקהל נותנים חלקם" צו יעדן איינעם פון קהל („על מנת שיחזירוהו להם") כדי אַז די ס"ת (וכתיבתה) זאָל אינגאַנצן געהערן צו אים און קענען יוצא זיין די מצוה פון „כתבו גו' ולמדה גו'"[46].

37) וכופין בני העיר לקנות להם ס"ת (רמב"ם הל' תפלה רפי"א. הל' שכנים רפ"ו. טושו"ע או"ח ר"ס קנ. חו"מ ר"ס קסג. הל' ת"ת לאדה"ז פ"ד הי"ג).

38) ר"ה ז, ריש ע"ב. וש"נ.

39) ראה המובא בפתחי תשובה ליו"ד שם סק"ג. יסודי ישורון ח"ב ע' צ. ע' קמו. לקמן הערה 49. וכבר דשו בו רבים.

40) אפילו שלא מאותו הציבור, כי הכוונה גם לאורחים וכו'.

41) ראה מפענח צפונות פ"ד ס"ב וס"ד. ועוד. לקו"ש חי"ח ע' 112. חל"ג ע' 110. ועייג"כ בנוגע לנדו"ד — ס"ת — מפענח צפונות (פ"א ס"ה. וש"נ) שלהרגצובי לא שייך בי' קנין ליחיד מכיון שהוא דבר שבקדושה. ע"ש.

42) ראה חי' רעק"א ופתחי תשובה (סק"א) ליו"ד שם. יסודי ישורון שם ע' צב. וש"נ.

43) שו"ע או"ח סתרנ"ח ס"ז.

44) לשון הרשב"ם ב"ב קלז, ב ד"ה יצא.

45) או"ח שם ס"ט (ע"פ רשב"ם ב"ב שם). וראה שד"ח כללים מע' הלמ"ד כלל קמא אות נא.

46) ועד"ז בנוגע לספרים כו' (לדעת הש"ך — הובאה לעיל סעיף ד — שהאידנא המצוה „דוקא באלו") — שמכיון שכופין בני העיר „לקנות גם תורה שבע"פ כולה" (הל' ת"ת לאדה"ז פ"ד הי"ג ובקו"א שם, וש"נ), הרי „כל הקהל נותנים חלקם" לכאו"א מהקהל בשעה שלומד בהם כדי שיוכל לקיים מצותו, או בלב ב"ד מתנה.

ויתרה מזה — דאָס איז ניט אַ ס״ת של שותפות, נאָר עס איז (בזמן הדרוש) אינ־גאַנצן זיינע מלכתחילה, כדלקמן.

ח. לכאורה איז דאָס אָבער ניט קיין תירוץ, וואָרום ס״ת איז ניט גלייך צו אתרוג:

ביי אתרוג איז גענוג אַז דער אתרוג איז קנוי צו אים — „שלו״, און דעריבער העלפט וואָס דער קהל איז אים מקנה דעם אתרוג (לשעת נטילתו);

משא״כ ביי ס״ת איז ניט גענוג אַז ער זאָל האָבן אַ ס״ת, נאָר יעדערער מוז איר שרייבן (צי אַליין אָדער ע״י שלוחו). וואָס דערפאַר איז דער דין[47], אַז „אפילו הניחו לו אבותיו ס״ת, מצוה לכתוב משלו״; און נאָך מער: לויטן רמ״א[29], איז אפילו ווען איינער קויפט אַ ס״ת „ולא הגי׳ בו דבר, הוי כחוטף מצוה מן השוק ואינו יוצא בזה״ —

היינט וואָס וועט אויפטאָן אַז „כל הקהל נותנים חלקם״ צו יעדן איינעם פון קהל — סו״ס איז דאָס נאָך אַלץ ניט בעסער ווי קויפן (אַליין) אַ ס״ת?!

איז די הסברה בזה: דאָ רעדט זיך דאָך וועגן אַ ס״ת של ציבור, וואָס באַלאַנגט צום ציבור; ובמילא איז דאָ אויף דעם דער כלל[48] אַז „לב ב״ד מתנה עליהן״. ד. ה. אַז די הקנאת הס״ת לכאו״א איז (ניט מצד יעדן יחיד בפרט, נאָר) ווייל „לב ב״ד מתנה״ און איז מקנה הס״ת לכאו״א.

ועפ״ז קען מען זאָגן אַז דער „מתנה״ פון „לב ב״ד״ בנדו״ד איז[49], ניט נאָר אַז די ס״ת זאָל זיין „שלו״, נאָר נאָכמער, אַז אויך די כתיבת התורה איז פאַר אים[50] — גלייך בשעת כתיבת התורה איז „לב ב״ד מתנה״ אַז די כתיבה איז בשליחות פון יעדן איינעם פון דעם קהל[51], און

47) סנהדרין שם. רמב״ם הל׳ ס״ת שם. שו״ע יו״ד שם ס״א.

48) כתובות קו, ב. וש״נ. וראה שד״ח שצויין בהערה 45, דמה שיוצאים באתרוג הקהל הוא ג״כ מטעם זה.

49) ראה רש״י שבועות יא, א ד״ה לב: וכל מידי דציבור נותנין ב״ד לב. ולהעיר, שבס׳ „קובץ״ לרמב״ם הל׳ ס״ת שם כתב, שמטעם זה יחיד המקדיש ס״ת לציבור לא אבד מצותו כי לב ב״ד מתנה שלא מסרו לציבור אלא לקרות בה. וראה גם בני יונה להל׳ ס״ת סי׳ ער ס״א.

50) ראה גם שו״ת קנאת סופרים (למהרש״ק) תשובה ה, להסברא שיוצאין בס״ת של שותפין כי אמרינן יש ברירה*, דבשעה זו דשותף א׳ נוטלו הוי כשלו כולו . . ואף דאח״כ נתנו לחבירו הוי רק כמכרו לו . . והשני לא הוי כקונה מן השוק כיון דס״ל יש ברירה א״כ הוברר הדבר בשעה דהוי בידו כאלו הוא כתבו מתחלה.

51) ואף שלהסברא שאין יוצאין בשל שותפות ה״ז משום שצ״ל „כולו שלו״ (כבאתרוג, כנ״ל ס״ז) — יש לומר* בכמה אופנים, ומהם:

א) מצד „לב ב״ד מתנה״ ה״ז כאילו נכתבה עבור כאו״א מהציבור בפ״ע. ולהעיר מהחילוק בין ירושה לשותפות (בכורות נו, ב ובפרש״י ד״ה וכשחייבין).

ב) עוד מקום לומר חידוש אבל בסברא חזקה: „כתבו״ ה״ז בדוגמת „ולמדה״. וכשם ש„ולמדה״, הרי החיוב הוא על כאו״א, אבל אפשר ואדרבא משובח בדיבוק חברים, עד״ז גם כשרבים (ברוב עם — הדרת הס״ת) עושים שליח אחד לכתיבה. ועכ״פ מקויים באופן דלכתחילה.

וי״ל רמז לכ״ז — מ״ת הי׳ באופן כזה: תיכף

*) והרי זהו הטעם לפס״ד הרמ״א שהובא לקמן סעיף יו״ד, דבאתרוג של שותפין אמרינן „אדעתא דהכי קנאוהו״, כמ״ש במג״א שם סק״י (והוא מתשובות הרשב״א סי׳ תו. וראה ר״ן בנדרים (מה, ב) דבאין בו דין חלוקה (בכה״ג שעיקרו של דבר נתברר כבר משעה ראשונה) לכו״ע אמרינן יש ברירה).

*) גם להדיעות שלא אמרינן בזה יש ברירה (ראה מג״א שצויין בשוה״ג להערה הקודמת ש„טוב להכריז שיתן כל אחד חלקו לחבירו במתנה״, ולא לסמוך על הדיעות דיש ברירה).

בשעת ער וועט דאַרפן מקיים זיין דעם „ולמדה" אין דער ס״ת — בעת עלייתו לתורה — איז עס אין אַ ספר תורה וועלכע איז געשריבן געוואָרן (בלויז) פאַר אים[52].

און ב״ד דאַרף אָט דעם תנאי ניט זאָגן בפירוש דעם סופר וואָס שרייבט די ס״ת, ווייל דער ענין פון „לב ב״ד מתנה" איז[53] אפילו ווען יענער ווייס ניט פון דעם און טראַכט ניט וועגן דעם. ווי מען געפינט עס בריבוי מקומות; ולדוגמא: ביים דין[54] פון „לשם ששה דברים הזבח נזבח", וואָס „אף מי שלא הי׳ בלבו לשם אחת מכל אלו כשר שתנאי ב״ד היא".

ט. עפ״ז יש לומר יתירה מזו:

אויך די וועלכע זיינען געבאָרן געוואָרן נאָך דעם ווי דער קהל האָט געשריבן די ס״ת (וואָס דער „לב ב״ד מתנה" פון שעת הכתיבה איז לכאורה ניט חל (ויש לשקו״ט בזה) אויף זיי), וויבאַלד אָבער אַז מען מוז מגי׳ זיין אַ ס״ת מזמן לזמן, און „כל המגי׳ ס״ת ואפילו אות אחת הרי הוא כאילו כתבו כולו"[55], איז יש לומר, אַז לכל הדעות — איז „לב ב״ד מתנה" אַז די הגהת הספר תורה זאָל פאַררעכנט ווערן ווי כתיבת התורה פאַר די אַלע וועלכע זיינען געבאָרן געוואָרן (והגיעו לעול מצות) צווישן כתיבת התורה און דער הגהה, ועד״ז בין הגהה להגהה.

און לויט דער הסברה וועט אויסקומען אַז אפילו די קהילות וואָס האָבן בלויז געקויפט אַ ס״ת, איז „לב ב״ד מתנה" אַז בשעת דער הגהה פון ס״ת (מזמן לזמן) איז דאָס בשליחות פון יעדער בר חיובא פון דעם קהל, איז ער במילא דערמיט מקיים מצות כתיבת ספר תורה.

יו״ד. מען דאַרף נאָך אָבער פאַרשטיין:

לכאורה איז פאַראַן נאָך אַ חילוק צווישן אתרוג הקהל און ס״ת הקהל

— ווי אחרונים[56] זיינען מחלק צווישן ס״ת של שותפין און אתרוג של שותפין [וואָס אויך ביי אתרוג של שותפין פסק׳נט דער רמ״א[43] אַז „אם קנו לצורך מצוה יוצאים בו מסתמא (און מען דאַרף ניט אויסריידן בפירוש אַז מען גיט עס צום צווייטן שותף במתנה על מנת להחזיר) דאדעתא דהכי קנאוהו"]:

ביי אתרוג העלפט מתנה ע״מ להחזיר, היות אַז דער אתרוג דאַרף זיין „שלו" בלויז בשעת נטילתו; משא״כ ביי ס״ת וואָס מען דאַרף דאָס האָבן אויף צו לערנען אין עם[57], העלפט דאָ ניט קיין

---

נעשית התורה „מאורסה" של כאו״א בפ״ע (שלכן מותר ללמדה, משא״כ עכו״ם — סנהדרין נט, רע״א), נוסף על שניתנה „מורשה קהלת יעקב".

[ועד״ז מצינו בסוכה: כל ישראל ראוין לישב בסוכה אחת (סוכה כז, ב), ולכאו״א — ג׳ דפנות כו׳ בפ״ע,

משא״כ בקרבן תמיד, דחלק כאו״א נפרד — ראה מפענח צפונות ולקו״ש שצויינו בהערה 41, וש״נ].

52) ואף שהטעם שהלוקח ס״ת הוי כחוטף מן השוק הוא משום דלא טרח בה (נמוק״י להלכות קטנות שם, ועוד), והרי גם כאן לא טרח בה [ובמשנת חכמים (קונטרס על מ״ע שבספר אהבה) כתב מטעם זה שהכותב ס״ת לחבירו בלי ידיעתו אין חבירו יוצא בה מכיון שלא טרח בה כלל] — — שאני בנדו״ד, שע״י „לב ב״ד מתנה" ה״ז כאילו הוא „שכר לו סופר לכתוב לו ס״ת", שיוצא בזה לכל הדיעות, כפסק הרמ״א יו״ד שם.

53) ראה ריטב״א שבועות יא, א. רמ״א או״ח סקנ״ד ס״ח, יו״ד סרנ״ט ס״ב. ועוד.

54) זבחים ב, ב.

55) מנחות שם. רמב״ם הל׳ ס״ת שם.

56) ראה פתחי תשובה שבהערה 42. שו״ת קנאת סופרים תשובה ב, ד״ו. ועוד.

57) ראה לשון החינוך מצוה תריג: ס״ת מוכן אצלו שיוכל לקרות בה תמיד. ועוד.

מתנה ע״מ להחזיר, וואָרום אין דער רגע וואָס ער גיט עס צום צווייטן, האָט ער ניט קיין ס״ת ללמוד בה.

**אָבער דאָס איז ניט אַזוי. ווייל** דער **חילוק צווישן ס״ת און אתרוג, האָט אַן אָרט בלויז בדורות הראשונים ווען דער עיקר הלימוד איז געווען אין אַ ס״ת**[58]**;**

**משא״כ בנוגע צו אַ ס״ת האידנא, באַשטייט דער „ולמדה״ אין אַ ס״ת (לויטן מנהג ישראל בפועל) בעיקר**[59] **אין דעם וואָס קורין בה ברבים**[60]**. איז במילא פאַרשטאַנדיק, אַז אפילו לויט די דיעות אַז מ׳איז ניט יוצא (גם להרא״ש) די מצוה בלויז מיט ספרים, נאָר מען מוז אויך שרייבן אַ ס״ת, איז אָבער ניט קיין חיוב אַז די ס״ת זאָל זיין תחת ידו בכל עת ובכל שעה**[61]**; ס׳איז גענוג ווען מ׳האָט אַן אייגענע ס״ת בשעת מ׳איז מקיים דעם „ולמדה״ — ווען מ׳איז עולה לתורה און מען לייענט אין איר.**

**יא. נאָך אַ פרט אין דעם: אַ ס״ת של קהל איז אַנדערש ווי אַ ס״ת של שותפין:**

**ביי אַ ס״ת של שותפין איז די חלוקת הס״ת צווישן זיי תלוי אין דעת** השותפין**. און וויבאַלד אַז דער „ולמדה״ האָט ניט קיין זמן מוגבל (ניט ווי אַן אתרוג וואָס נטילתו איז בזמן מסוים), קען מען ניט זאָגן אַז „יוצאים בו** מסתמא**״ ווייל „אדעתא דהכי״ האָבן די שותפים געשריבן די ס״ת (צו געבן דעם צווייטן במתנה ע״מ להחזיר ווען ער וויל נאָר מקיים זיין דעם „ולמדה״), ובפרט אַז עס קען זיין אַז ביידע וועלן וועלן לערנען אין דער ס״ת אין דעם זעלבן זמן.**

**משא״כ בנוגע צו אַ ס״ת של** קהל**, איז עס דאָך קנוי להציבור אויף לייענען אין איר ברבים, און מען דאַרף דעריבער ניט אָפּריידן קיין תנאי וכו׳, נאָר „לב ב״ד מתנה״ אַז בשעת יעדערער איז עולה לתורה איז די ס״ת זיינע, „שלו״, און נאָך מער — אַז די כתיבת התורה איז געוועזן פאַר אים, כדי צו קענען מקיים זיין דורכדעם מצות כתיבת ס״ת.**

58) ע״פ המבואר בפנים מובן ג״כ שאין קושיא (על הביאור שבפנים) מסוגיות הגמרא בנדרים (מח, א ובפרש״י), ב״ב (מג, א) דמשמע שם שס״ת של עיר אינה בשביל לצאת בה כתיבת ס״ת כ״א רק „לשמיעה קאי״ (ב״ב שם), ולכן אפשר לכתוב חלקו לנשיא (נדרים שם) [וכמו שהביאו אחרונים ראי׳ משם שאין יוצאין בס״ת של שותפות] — כי (נוסף לזה שבכמה אחרונים דחו הראי׳ מסוגיות הנ״ל, הרי) בדורות הראשונים שלמדו בס״ת לא יצאו בשל שותפות מכיון שצ״ל תח״י תמיד (להדיעות הנ״ל הערה 56). וראה גם יומא (ע, א) סוטה (מא, א) — „כל אחד ואחד מביא ס״ת מביתו כו״.

59) אף שגם האידנא יש לימוד (לכאו״א) בס״ת — ט״ז (סק״ב) ומג״א (סק״א) או״ח סרפ״ה. שו״ע אדה״ז שם ס״ד. — וצע״ג (שלמרות השו״ע) לא ראינו זה רק בעלי׳ לתורה (רק באריז״ל וכו׳ — שהי׳ מעביר הסדרה בס״ת — ש׳ הכוונות סדר שבת ענין ליל ו׳. פע״ח ש׳ הנהגת הלימוד. שי״ח פ״ג). ובדבר הרגיל כיו״ב בכל ע״ש גם לא ראינו ראי׳ (שד״ח כללים מע׳ ל כלל עז. וש״נ).

60) בב״י לטיו״ד שם (בסופו) „אבל לכתוב ס״ת לקרות בו הוא ובניו (ולא — רק בבית הכנסת) פשיטא דגם האידנא זהו עיקר קיום מ״ע שהרי הוא נוהג בו כמו שהיו נוהגים בדורות הראשונים״. אבל נוסף לזה שגם לדבריו כתיבת ס״ת כדי לקרות בה ברבים היא ג״כ קיום מצוה, הרי מכיון שכבר נהגו ישראל שלא ללמוד בס״ת (וראה פרישה שם (סק״ח) שלא „לזלזל בכבוד ס״ת״), א״כ האידנא קרייתה ברבים זוהי עיקר מצותה. וראה לבוש יו״ד שם ס״ב: וחייבים לכותבה לקרות בה ברבים (אבל ראה הערה הקודמת).

61) ראה עד״ז שו״ת נפש חי׳ יו״ד סי׳ עה (אלא שהוא כתב שמשו״ז האידנא לא הוי המצוה שכ״א יכתוב ס״ת לעצמו, ומספיק זה שיש להציבור ס״ת א׳ לקרות בה).

יב. ע״פ כל הנ״ל קען מען זאָגן אַז עד״ז האָבן אידן מקיים געווען די מצוה פון כתיבת ס״ת בפעם הראשונה[62]:

וויבאַלד אַז עס איז געווען אַ זמן וואָס איז געווען מן הנמנע אַז יעדער איד זאָל קענען אָנשרייבן אַ ס״ת לעצמו[62*] ובפרט אַז ולמדה ווי מקיים זיין מצות הייבט זיך אָן פון החודש הזה גו׳, האָט משה רבינו געשריבן פאַר זיי י״ג ספרי תורה — אַ ספר תורה פאַר יעדן שבט — זיינען זיי געווען ספרי תורה של קהל, ובמילא „לב ב״ד מתנה עליהן״ אַז בשעת יעדערער וועט לערנען פון דער ס״ת האָט מלכ־תחילה משה רבינו פאַר אים געשריבן די ס״ת[63].

ויש לומר אַז דאָס גופא איז דער טעם פאַרוואָס דער ציווי אויף כתיבת ס״ת איז געזאָגט געוואָרן במצב כזה — אַז אין יענעם זמן איז ניט געווען קיין אפשריות אַז יעדער איד זאָל מקיים זיין מצות הכתיבה נאָר סיידן מיט אַ ס״ת של קהל —

דאָס קומט ללמד אויף דורות הבאים, אַז בשעת אַ מצב וועלכער איז בריבוי שנים אַז ניט יעדער איד קען שרייבן אַ ס״ת לעצמו, איז די מצוה מלכתחילה אַז מ׳איז איר מקיים מיט אַ ס״ת של קהל.

יג. מכל האמור לעיל איז אויך פאַר־שטאַנדיק דער גודל הענין פון קונה זיין אַן אות אין אַ ס״ת של קהל:

דעמאָלט איז מען יוצא די מצוה ניט נאָר מצד „לב ב״ד מתנה״ (וואָס דאָס איז מועיל, כנ״ל, אפילו ווען מ׳איז זיך ניט משתתף אין כתיבת הספר דורך קויפן אַן אות), נאָר מ׳האָט דערביי אויך די מעלה פון אַ מעשה בפועל (בממונו) אין כתיבת התורה,

וואָס דעמאָלט איז דאָס זיכער ניט קיין „חוטף מצוה מן השוק״, נאָר „כאילו קבלו מהר סיני״[64].

און דורך דעם וואָס אַלע אידן וועלן האָבן אַן אות אין אַ ס״ת — וואָס מצות כתיבת ס״ת איז דער „סיום״ פון אַלע תרי״ג מצות[65] — וועט מען בקרוב ממש זוכה זיין צום סיום הגלות[66], גלותינו וואָס אַלע אידן גייען אַרויס פון עם, בביאת משיח צדקנו,

וואָס ער וועט שרייבן „משנה התורה״[67] „לשם המלך״, וועלכער „יהי׳ עמו תמיד כו׳ שנאמר והיתה עמו וקרא בו כל ימי חייו״[68].

(משיחות י״ט כסלו והתוועדויות שלאח״ז, תשמ״ב)

---

62) ראה גם אור שמח להל׳ ס״ת שם. אבל שם מוכיח מזה דיוצאין בס״ת של שותפין, אבל ע״פ המבואר בפנים אין מזה ראי׳, כי שם היו ס״ת של קהל דלב ב״ד מתנה עליהן.

*62) ועצ״ע בנוגע לי״ג ס״ת שכתבן משה למ״ד תורה חתומה ניתנה. וראה לעיל הערה 15 בסופה.

63) אבל ראה לעיל הערה 58 (להדיעות הנ״ל שהס״ת צ״ל תח״י תמיד). ואולי יש לחלק כי מכיון שאז לא הי׳ אפשר באופן אחר, יוצאין בזה. ועצ״ע.

64) ל׳ הגמרא מנחות שם. וראה נמוק״י ריש הל׳ ס״ת (הובא בב״י לטיו״ד שם בתחלתו) דגם כששכר סופר לכתבו כו׳ הוי ג״כ כאילו קיבלו מסיני.

גם י״ל שע״י ברכות התורה בעת העלי׳ ה״ז כמו שמעיד על כשרות התורה, והוי ע״ד הגי׳ בה אות אחת (ואולי גם יתירה מזה), כמשנ״ת בההתועדות.

65) ראה ס׳ החינוך שם. ועוד.

66) ראה בן איש חי פ׳ בראשית (ע׳ ז).

67) שופטים יז, יח.

68) רמב״ם הל׳ ס״ת שם ה״ב.